**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/23/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר HOCHUL מעלדט 10 מיליאן דאלאר עוועיליבל צו שטיצן יוגנט און צענערלינג מענטעל העלט ערשטע הילף

***וויכטיגע איניציאטיוו לענגאויס די סטעיט צו באשטעטיגן יוגנט און צענערלינג מענטעל העלט ערשטע הילף פראגראמען***

***מענטעל העלט ערשטע הילף לערנט אויס יונגע ניו יארקער וויאזוי ארויסצוהעלפן און שטיצן מענטשן וואס גייען אריבער א מענטעל העלט אדער סובסטאנץ באניץ קריזיס***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז 10 מיליאן דאלאר אין סטעיט געלטער איז יעצט דא צו באקומען צו צושטעלן א [יוגנט און צענערלינג מענטעל העלט ערשטע הילף פראגראם לענגאויס די סטעיט](). די סטעיט אפיס פון מענטעל העלט וועט אויסטיילן די געלטער צו אנטוויקלען א טרענירונג און באשטעטיגונג פראגראם וואס העלפט ניו יארקער אידענטיפיצירן, פארשטיין און רעאגירן צו צייכנס פון גייסטישע קראנקייט און סובסטאנץ באניץ פראבלעמען אין יונגע מענטשן וואס גייען מעגליך אריבער א קריזיס.

"יונגע ניו יארקער טרעפן זיך אן מיט מענטעל העלט שוועריגקייטן ווי קיינמאל בעפאר, און מיר מוזן נעמען שריט זיי צו שטיצן," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "די טרענירונג פראגראם לענגאויס די סטעיט וועט געבן די כח פאר לערערס/ינס, קעיר-ארבעטער און צענערלינגען צו דערקענען און ארויסהעלפן די וואס דארפן הילף - פארבעסערנדיג די געזונטהייט פון זיי און זייערע ארומיגע."

OMH שטעלט צו 10 מיליאן דאלאר איבער פינעף יאר פאר א נישט-פאר-פראפיט ארגענעזאציע צו שאפן אדער איסברייטערן יוגנט מענטעל העלט ערשטע הילף און צענערלינג מענטעל העלט ערשטע הילף טרענירונג און באשטעטיגונג פראגראמען. גאווערנאר Hochul (האקול) האט פארזיכערט די געלטער אין די ענקעטעד בודשעט פון די פיסקאלע יאר 2025, און ארויסגעשטעלט פלענער צו [ווייטער איסברייטערן די איניציאטיוו]() אין איר 2025 סטעיט פון די סטעיט אויפטריט, רופנדיג פאר די אייפירונג פון א צענערלינג מענטעל העלט ערשטע הילף פראגראם אין הויך-שולעס לענגאויס די סטעיט אונטערצוטרייבן א קאלטורישע טויש פאר דורות.

די יוגנט מענטעל העלט ערשטע הילף טרענירונג איז געאייגנט פאר עלטערן, פאמיליע מיטגלידער, קעיר-ארבעטער, לערערס/ינס, שולע איינגעשטעלטע, חברים, שכנים, העלט און יומען סערוויסעס ארבעטער, און אנדערע. די פראגראם טרענירט זיי וויאזוי צו העלפן יונגע מענטשן צווישן די יארגענג פון 12 און 18 וועלכע גייען אריבער א מענטעל העלט אדער עדיקשען שוועריגקייט אדער וואס זענען אין א קריזיס.

די צענערלינג מענטעל העלט ערשטע הילף פראגראם טרענירונג איז געאייגנט פאר יונגע מענטשן צווישן די יארגענג פון 15 און 18 אז זיי זאלן קענען אידענטיפיצירן, פארשטיין און רעאגירן צו צייכנס פון

מענטעל העלט און סובסטאנץ באניץ פראבלעמען אין זייערע חברים. די טרענירונג שטעלט צו די וויסנשאפט צו דערקענען באקאנטע צייכנעס און סימפטאמען פון מענטעל העלט און סובסטאנץ באניץ פראבלעמען; די השפעה פון טשעפעריי און שולע געוואלדטאטן אויף מענטעל העלט; וויאזוי צו האבן ווירקפולע שמועסן מיט קלאס מיטגלידער איבער מענטעל העלט זארגן אדער צו זיכן הילף פון אן ערוואקסענע; פארמאלע און אינפארמאלע שטיצע, און קעיר נעמען פון זיך אליינס.

פאריגע סטעיט אינוועסטירונגען האט געברענגט מער ווי 2,000 ערוואקסענע טרענירט אין יוגנט מענטעל העלט ערשטע הילף. אזוי אויך, זענען בערך 5,000 יונגע מענטשן טרענירט געווארן אין צענערלינג מענטעל העלט ערשטע הילף אלס א תוצאה פון סטעיט פינאנצירונג.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון מענטעל העלט קאמישענער דר. Ann Sullivan (ענן סאליוועןן) האט געזאגט,** "יונגע מענטשן גייען היינט אריבער אזויפיל אייגענארטיגע סארטן דרוק און עס ווערט אלס וויכטיגער פאר זיי צו פארשטיין וויאזוי די שוועריגקייטן אפעקטירן זיי און זייערע חברים. דורך אויברייטערן צענערלינג און יוגנט מענטעל העלט ערשטע הילף טרענירונג, געבן מיר פאר מער לערערס/ינס, קעיר ארבעטער, און יוגנט אליין, די געצייג צו קענען דערקענען די צייכנעס פון אן אויפפירונג געזונטהייט קריזיס און קענען רעאגירן מיט ערפאלג. צענערלינג מענטעל העלט ערשטע הילף העלפט צענערלינגען צו רעדן מיט אנדערע צענערלינגען וועגן מענטעל העלט זארגן. די פינאנצירונג שטרייכט אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פולקאמע פארפליכטונג צו אדרעסירן וואקסנדע מענטעל העלט שוועריגקייטן צווישן יוגנט אין ניו יארק סטעיט."

גאווערנאר Hochul (האקול) איז געבליבן שטאנדהאפטיג מיט איר פארפליכטונג צו באשיצן די מענטעל העלט פון קינדער און צענערלינגען, איינפירנדיג נאציאנאל-פירענדע לעגיסלאציע צו אדרעסירן אנליין זיכערהייט און די שעדליכע השפעות פון סאושעל מידיע. פריער אין די יאר [sic], האט זי אונטערגעשריבן די סטאפ אדיקטיוו פידס עקספלויטעישאן פאר קינדער אקט צו צוימען די אדיקטיוו אייגנשאפטן פון סאושעל מידיע און די ניו יארק טשיילד דאטא באשיצונג אקט צו צוימען די זאמלונג פון פערזענליכע דאטע פון יונגווארג דורך אנליין סייטס.

גאווערנאר Hochul (האקול) האט אויך אוועקגעשטעלט די יוגנט מענטעל העלט עדווייזארי באורד, א 30-מיטגליד עדווייזארי באורד וועלכע נעמט אריין יוגנט צווישן די יארעגנג פון 11 און 17. די עדווייזארי באורד קומט זיך צאם פיר מאל א יאר און איז געאייגנט צו פארזיכערן אז יוגנט-באזירטע בעסטע איינפירונגען ווערן ווייטער גענומען אין באטראכט אין די אנטוויקלונג פון אויפפירונג געזונטהייט פראגראמען און פאליסיס.

אלס טייל פון איר 1 ביליאן דאלאר מענטעל העלט איניציאטיוו, האט גאווערנאר Hochul (האקול) אויך שטארק פארברייטערט צוטריט צו מענטעל העלט קעיר און ריסאורסעס פאר יונגע מענטשן און זייערע פאמיליעס - אינוועסטירונגען וועלכע זענען נאכאמאל געהעכערט געווארן אין די ענעקטעד בודשעט פון די 2025 פיסקאלע יאר. די אינוועסטירונגען נעמען אריין 20 מיליאן דאלאר אין אויפשטעלונגס געלטער און א פארענדע אפליקאציע פראצעדור פאר שולע-באזירטע מענטעל העלט קליניקס; און צושטעלן 9.6 מיליאן דאלאר צו צולייגן 12 נייע יוגנט עסערטיוו קאמיוניטי באהאנדלונג ( Youth Assertive Community Treatment) צו פארזיכערן אז ריסאורסעס און שטיצע זענען עוועילעבל פאר מער פאמיליעס.

**סטעיט סענאטאר Shelley B. Mayer (שעלי ב. מעיער) האט געזאגט,** "איך טוה אפלאדירן די ארבעט פון גאווערנאר Hochul (האקול) צו אדרעסירן די ערנסטע שלעכטע השפעה פון סעלפאן באניץ

אין אונזערע שולעס און אויף אונזערע סטודענטן. מיר האבן געזעהן אן אויפגעוויזענע פארבינדונג צווישן סעלפאן באניץ און א פארערגערונג און סטודענטן'ס מענטעל העלט און אקאדעמישע הצלחה צוליב שוואכע פאקוס, פארמינערטע מעגליכקייט צו קאנצענטרירן, פארמינערטע געזעלשאפליכע באציאונג, און עמאושענעל סטרעס. איך בין אויך דאנקבאר פאר די גאווערנאר'ס פארשטענד אז די פלאן וועט דארפן מער ריסאורסעס איינגעפירט צו ווערן. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנאר און מיט מיין קאלעגעס צו פארזיכערן אז דיסטריקטס האבן די אייגענע באשליסונג מאכט צו קענען איינפירן די פראגראם אויף א וועג וואס ארבעט די בעסטע פאר זייערע סטודענטן, שטאב, און קאמיוניטיס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן